בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

תשפ"ה

389

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג מֶען גֵיין אִין שׁוּיעֶר נָאךְ דִי מִקְוֶה?..................................א

וִוי אַזוֹי פַארְגֶעסְט מֶען טְשֶׁעפֶּעְרַייעֶן? .................................ג

זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר פֶּערְצִיג טֶעג?..............................ה

קֶען מֶען אִיבֶּערְלָאזְן קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים אַלֵיין?...........................ז

קוֹיפְן פַארְן קִינְד עֶפֶּעס וָואס 'יֶעדֶער' הָאט?..............................ח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

מֶער אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַאר דִי קִינְדֶער......................................א

דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר דַארְף מֶען אַסַאךְ אִינְוֶועסְטִירְן אִין שָׁלוֹם בַּיִת....................ב

בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן בַּת מִצְוָה....................................ג

צְוֵויי דְרֵיי קְלֶעפּ, פַאר יֶעדְן קְלַאפּ............................................ג

שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס מֶען בַּאַזִייטִיגְט...................................ד

אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם שְׁטְרִיךְ אָנְצוּקוּמֶען צוּם הִימְל...............................ה

הַכְנָסַת כַּלָה וָואס אִיז רֵיין צְדָקָה...............................................ז

פַארְדֶערְבְּן גְלַייךְ זַאכְן אִין שְׁטוּב................................................ח

אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין וֶועג פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.......................................ח

קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ טוּן מְלָאכוֹת שַׁבָּת?.............................................י

זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן פוּן אִיבֶּעֲרָאל..........................................י

גֶעבְּן אַ גוּטֶע גֶעפִּיל פַאר אַלֶעמֶען ............................................ יא
עֶס דֶערְקֶענְט זִיךְ דִי חִינוּךְ פוּן בֵּית פֵּיגָא ............................................ יב
דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ הֶעלְפְן מִיט טָהֳרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל ............................................ יג
מֶען בֶּעט פַאר טַאטֶע מַאמֶע אוּן פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי מַאן ............................................ יד
יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִינֶעם נֵייעֶם תַּלְמוּד תּוֹרָה בִּנְיָן ............................................ טו
וִוי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דַיין טָאג אִין חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע? ............................................ טז
לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן ............................................ יז
עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ קוּמֶען קַיין אַמֶעריקֶע ............................................ יח
אָנָּא הַשֵּׁם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיין מַאן ............................................ יח
רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן גֶעלְט אִיז עֶקְלְדִיג ............................................ כ
וִוי שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים? ............................................ כא
דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל ............................................ כב
דִי חֶסֶד פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי יְשַׁעְיָה פוּן קֶערֶעסְטִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ............................................ כד
פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מַייז פוּנֶעם קָאמְפְּיוּטֶער ............................................ כה
עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְּמָרָא ............................................ כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג מֶען גֵיין אִין שׁוֹיעֶר נָאךְ דִי מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין אֵיינֶע פוּן דִי בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין אִין שׁוֹיעֶר נָאכְן מִקְוֶה, וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט וויסְן ווִי אַזוֹי דָאס קֶען זַיין, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ פְּלֶעגְט זִיךְ נִיטְאַמָאל אָפְּווִישְׁן נָאךְ דִי מִקְוֶה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע בְּרִיוְון, חִיזוּק שִׁיעוּרִים אוּן עֵצוֹת.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ״ל הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעווִישְׁט נָאכְן זִיךְ טוֹבֵל׳ן אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת כְּדֵי דִי הֵיילִיגֶע מִקְוֶה וַואסֶער זָאל זִיךְ אַיינְזַאפְּן אִין זַיין גוּף (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת דְּרוּשֵׁי סֵדֶר שַׁבָּת, דְּרוּשׁ א), אָבֶּער וֶוער עֶס אִיז אַן אִיסְטְנִיס אוּן עֶר קֶען נִישְׁט לַיידְן דִי מִקְוֶה, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּוַואשְׁן וְכוּ׳, אוּן אַז מֶען וֶועט אִים נִישְׁט מַתִּיר זַיין צוּ גֵיין אִין שׁוֹיעֶר נָאכְן מִקְוֶה - וֶועט עֶר נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה, אִיז זִיכֶער עֶר זָאל גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן עֶר מֶעג זִיךְ אָפְּוַואשְׁן, וַוייל דִי מַעֲלָה פוּן גֵיין אִין מִקְוֶה קֶען מֶען נִישְׁט בַּאגְרֵייפְן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט

גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ זִיךְ טוֹבֵל'ן אַסַאךְ אִין מִקְוֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**מֶעג מֶען גֵיין אִין שׁוֹיעֶר נָאךְ דִי מִקְוֶה?**

**שְׁאֵלָה:**

אִילוּ פִּינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם אֵין אֲנַחְנוּ מַסְפִּיקִים לְהוֹדוֹת, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חִיזוּק אוּן עֵצוֹת וָואס אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא אַן עִנְיָן נִישְׁט צוּ גֵיין אִין שׁוֹיעֶר נָאךְ דִי מִקְוֶה, אִיז דָאס רִיכְטִיג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בָּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קכג): "מִקְוָה אֵינָהּ מַזֶּקֶת כְּלָל", מִקְוֶה שַׁאדְט נִישְׁט פַארְן מֶענְטְשׁ, "וְהַדָּאקְטֶער שֶׁיֹּאמַר לוֹ שֶׁמִּקְוָה מַזֶּקֶת", אוּן אַז אַ דָאקְטֶער זָאגְט אַז מִקְוֶה שַׁאדְט - "אֵינוֹ דָאקְטֶער כְּלָל", אִיז דֶער דָאקְטֶער נִישְׁט קַיין דָאקְטֶער, אַדְרַבָּה, מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט אוּן וִויכְטִיג פַארְן גֶעזוּנְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט פוּל מִיט קְלֵיינֶע לֶעכֶערְלֶעךְ אִין זַיין גוּף וָואס פוּן דָארְט קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁוֵייס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דִי לֶעכֶערְלֶעךְ דַארְפְן זַיין אָפְן, אוּן דוּרְךְ דִי מִקְוֶה וֶוערְט דָאס גֶעעֶפְנְט, אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעזוּנְט.

ווֹאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל

הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה", דוּרְךְ מִקְוֶה וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע צָרוֹת און עֶס קוּמְט דִי יְשׁוּעָה, און אַזַא אֵיינֶער וָואס זַיין הוֹיט אִיז אִים סֶענְסֶעטִיוו, עֶר קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי קְלָארִין וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין מִקְוֶה, אָדֶער צוּלִיב אַנְדֶערֶע סִיבּוֹת - קֶען עֶר נֶעמֶען אַ שׁוֹיעֶר נָאכְן מִקְוֶה, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה צוּ דִי מִקְוֶה, אַז מֶען טוֹבֶלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה - הָאט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעזָאגְט - וֶועט מֶען הָאבְּן אַ תִּקְוָה, מֶען וֶועט אַלֶעס פַארֶערְכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

[...

## ווִי אַזוֹי פַארְגֶעסְט מֶען טְשֶׁעפֶּערֵייעֶן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַן עֵצָה צוּ שְׁנֶעל פַארְגֶעסְן וֶוען אֵיינֶער גֶעבְּט מִיר אַ טְשֶׁעפֶּע בְּשׁוֹגֵג אָדֶער בְּמֵזִיד, און נִישְׁט יֶעדֶע מָאל וֶוען אִיךְ זֶע יֶענֶעם זָאל אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס יֶענֶער הָאט מִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה זָאלְסְטוּ זָאגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֲרֵינִי מוֹחֵל לְכָל מִי שֶׁהִכְעִיס וְהִקְנִיט אוֹתִי אוֹ שֶׁחָטָא כְּנֶגְדִּי, בֵּין בְּגוּפִי בֵּין בְּמָמוֹנִי בֵּין בִּכְבוֹדִי בֵּין בְּכָל אֲשֶׁר לִי, בֵּין בְּאוֹנֶס בֵּין בְּרָצוֹן, בֵּין בְּשׁוֹגֵג בֵּין בְּמֵזִיד, בֵּין בְּדִבּוּר בֵּין בְּמַעֲשֶׂה".

דֶער מְקוֹר פוּן דֶעם אִיז פוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר (פַּרְשַׁת מִקֵּץ, דַּף רא:), וואוּ עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי אַבָּא אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן בַּיים אַרַיינְגַאנְג פוּן דִי שְׁטָאט לוּד, עֶר הָאט גֶעזֶען אֵיינֶעם אָנְקוּמֶען זֵייעֶר

אָפְּגֶעמַאטֶערְט, דֶער אִיד הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן און עֶר הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט. וֶוען דֶער אִיד אִיז דָארְט גֶעשְׁלָאפְן בַּאמֶערְקְט רֶבִּי אַבָּא ווִי אַ שְׁלַאנְג קְרִיכְט צוּם מֶענְטְשׁ און אֵיידֶער דֶער שְׁלַאנְג הָאט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ צְוַוייג אוֹיף אִים און אַזוֹי אִיז דִי שְׁלַאנְג גֶע'הַרְגֶ'עט גֶעוָוארְן, און וֶוען דֶער אִיד הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט און גֶעזֶען דִי טוֹיטֶע שְׁלַאנְג - הָאט זִיךְ דֶער אִיד אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט און זִיךְ אַוֶועק גֶערִיקְט פוּן זַיין פְּלַאץ וואו עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן און פִּינְקְט אַ סֶעקוּנְדֶע דֶערוֹיף אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן דִי גַאנְצֶע שְׁטִיקְל עֶרְד וואו דֶער אִיד אִיז פְּרִיעֶר דָארְט גֶעשְׁלָאפְן.

רֶבִּי אַבָּא הָאט דָא גֶעזֶען אַז דֶער אִיד אִיז צְוֵויי מָאל גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אַ זִיכֶערֶע טוֹיט, אִיז רֶבִּי אַבָּא צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד און אִים גֶעפְרֶעגְט: זָאגְט מִיר, וֶוער זֶענְט אִיר און וָואס זֶענֶען אַייעֶרֶע מַעֲשִׂים אַז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט מִיט אַייךְ גֶעטוּן צְוֵויי גְרוֹיסֶע נִסִים?" זָאגְט דֶער אִיד: "נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס הָאט מִיר גֶעטוּן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט וָואס אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט מוֹחֵל זַיין און אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, און אוֹיבּ בִּין אִיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ טְרֶעפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט מִיר גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, בִּין אִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין בֶּעט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען", הָאט רֶבִּי אַבָּא גֶעוֵויינְט און גֶעזָאגְט: "יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט וֶוערְד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר נִסִים".

חַזֵר זִיךְ אֱמוּנָה, חַזֵר זִיךְ דִי וֶוערְטֶער: 'עֶס אִיז נִישְׁט דֶער, עֶס אִיז נִישְׁט יֶענֶער, דָאס וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אִיז פַאר מַיין טוֹבָה, און אַז עֶס טוּט וֵויי אִיז דָאס אוֹיךְ פַאר מַיין טוֹבָה', און בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם און קֶענֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מוֹחֵל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר פֶערְצִיג טֶעג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אַ הֶערְלִיכֶע פֶּסַח, אַ דַאנְק אַלֶע עֵצוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ גְלַייכֶע זַאךְ אַז אִיךְ זָאל מִיךְ פָּארְנֶעמֶען אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר פֶערְצִיג טֶעג, אַלְס אַ זְכוּת פַאר אַ גֶעווִיסֶע יְשׁוּעָה? פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס גָאר שְׁטַארְק אַיינְגֶעגֶעסְן אִין דִי ווֶעלְט, אִיבֶּעְרָאל הֶערְט מֶען אַז מֶען זֶעט יְשׁוּעוֹת ווֶען מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר פֶערְצִיג טֶעג, אָבֶער פוּן דֶער אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ אַבִּיסְל אַ גֶעפִיל אַז מֶען סְטְרָאשֶׁעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי צוּ זָאגְן "אִיךְ גֵיי זַיין וואוֹיל פַאר פֶערְצִיג טֶעג, אוּן ווֶעגְן דֶעם מוּזְטוּ מִיר יֶעצְט גֶעבְּן וְכוּ'".

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ד נִיסָן, ט׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי צְווֵיי זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט קַיין סְתִּירָה, פֶערְצִיג טֶעג אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (צֶעטְל קָטָן, סִימָן טז), אַז מֶען קֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי שְׁווֶערֶע מִידוֹת דוּרְךְ טוּן פֶערְצִיג טֶעג פַארְקֶערְט ווִי מֶען אִיז גֶעוואוֹינְט צוּ טוּן. לְמָשָׁל אוֹיבּ מֶען אִיז גֶעבּוֹירְן מִיט דִי מִדָּה פוּן עַקְשָׁנוּת זָאל מֶען פַאר פֶערְצִיג טֶעג טוּן פַארְקֶערְט ווִי מֶען ווִיל, אָדֶער ווֶער עֶס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן פוֹילְקֵייט זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען פַאר פֶערְצִיג טֶעג צוּ טוּן אַלֶעס שְׁנֶעל אוּן פְלִינְק; סַיי בַּיים גֵיין שְׁלָאפְן, סַיי בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין, סַיי בַּיים זִיךְ אָנְטוּן דִי קְלֵיידֶער אוּן וַואשְׁן דִי הֶענְט, אוּן גֵיין שְׁנֶעל אוּן פְלִינְק אִין שׁוּל, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער, אוּן אוֹיךְ דֶער וָואס זַיין נַאטוּר אִיז זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען וואוּ מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען פֶערְצִיג טֶעג צוּ דַאוֶוענֶען אוֹיפְן קוֹל אוּן זִיךְ שָׁאקְלֶען בַּיים

דאַוועגען, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לה, י): "כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה", אַלֶע מַיינֶע גְלִידֶער דַאנְקֶען דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אוֹיךְ מַאכְן דִי בְּרָכָה בַּיי דִי תּוֹרָה הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל, בִּיז מֶען וֶועט אִים הֶעלְפְן פוּן הִימְל אַוֶועק צוּ נֶעמֶען זַיין שְׁלֶעכְטֶע בּוּשָׁה.

אוֹיךְ דֶער וָואס רֶעדְט נִישְׁט קְלָאר קֶען אִין פֶּערְצִיג טֶעג פַארְעֶכְטְן זַיין רֶעדְן, דוּרְךְ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּצוּלֵייגְן קָאפּ וֶוען עֶר רֶעדְט, סֵיי בַּיים לֶערְנֶען אוּן סֵיי בַּיים רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, "כִּי הֶרְגֵל שֶׁל כָּל דָּבָר נַעֲשֶׂה שִׁלְטוֹן", וַוייל אַ גֶעוואוֹינְהֵייט וֶוערְט דִי נַאטוּר, "וְכֵן מִי שֶׁטִּבְעוֹ אֵינוֹ מַתְמִיד בְּלִמּוּדוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ גַּם כֵּן אַרְבָּעִים יוֹם וְיִלְמֹד יוֹתֵר מֵהֶרְגֵּל שֶׁלּוֹ", אוּן אוֹיךְ וֶועמֶענְ'ס נַאטוּר אִיז נִישְׁט צוּ זַיין אַ מַתְמִיד זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען פֶּערְצִיג טֶעג צוּ לֶערְנֶען מֶער וִויפִיל עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ לֶערְנֶען, "וְיִסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם קוֹדֶם הַלִּימּוּד בְּצֶעטִיל קָטָן שֶׁלִּי", אוּן עֶר זָאל אַרַיינְקוּקְן אִין צֶעטְל קָטָן אֵיידֶער עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען, "וּמִשָּׁם וָאֵילָךְ מִן הַשָּׁמַיִם יַעַזְרוּהוּ לִהְיוֹת מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ בִּשְׁבִירַת מִידוֹת הָרָעוֹת עַד תֻּמָּם", אוּן פוּן דָארְט אוּן וַוייטֶער וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן צוּ קֶענֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.

דָאס אִיז בְּנוֹגֵעַ דִי פֶּערְצִיג טֶעג. אוּן אוֹיף דִי פְרַאגֶע אוֹיבּ עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל גֶעבְן אַ יְשׁוּעָה צוּלִיבּ דִי פֶּערְצִיג טֶעג? דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן קוּמְט אוּן בֶּעט בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים, בֶּעטְן אַ מַתְּנַת חִינָּם. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רַשִׁ"י דְּבָרִים ג, כג), מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר וִויל אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר וִויל אַ מַתְּנַת חִינָּם, אַן אוּמְזִיסְטֶע טוֹבָה, "אַף עַל פִּי שֶׁיֵּשׁ לָהֶם לַצַּדִּיקִים לִתְלוֹת בְּמַעֲשֵׂיהֶם הַטּוֹבִים", כָאטְשִׁיג מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס קוּמְט אִים דִי זַאךְ פוּן אַרַיינְגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּלִיבּ דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ אַלֶע יָארְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, "אֵין מְבַקְשִׁים מֵאֵת הַמָּקוֹם אֶלָּא מַתְּנַת חִנָּם", דָאךְ בֶּעטְן זֵיי נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי, נָאר זֵיי בֶּעטְן אַן אוּמְזִיסְטֶע טוֹבָה.

עַל כֵּן מֶעגְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען גוּטֶע זַאכְן צוּ טוּן פַאר פֶּערְצִיג טֶעג, אוּן

בַּאזוּנְדֶער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת עֶר זָאל זִיךְ מְרַחֵם זַיין אוֹיף דִיר אוּן דִיר גֶעבְּן גֶעזוּנְט, נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, פַּרְנָסָה, אוּן בְּעִיקָר אוֹיף לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶען מֶען אִיבֶּערְלָאזְן קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים אַלֵיין?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פָּארְן מִיט מַיין וַוייב אוּן דִי בֶּעבִּי צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן פַאר פִינְף טֶעג, דִי שְׁאֵלָה אִיז צִי מִיר קֶענֶען אִיבֶּערְלָאזְן דִי אִיבְּרִיגֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים מִיט אוּנְזֶער דְרַייצְן יֶערִיגֶע מֵיידְל אַז זִי זָאל הִיטְן אוֹיף זֵיי?

מִיר הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ טְרֶעפְן פְלֶעצֶער פַאר זֵיי, אָבֶער עֶס אִיז זֵייעֶר קָאמְפְּלִיצִירְט, זָאלְן מִיר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען יָא צוּ טְרֶעפְן אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער פַאר זֵיי, אָדֶער אִיז גוּט אַז זֵיי בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פוּן אֵיין זַייט, ווִי קֶען מֶען זָאגְן נִישְׁט פָּארְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן... יֶעדֶע מָאל מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן - אִיז דָאס אַ תִּיקוּן לְנֶצַח נְצָחִים, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם אִיבֶּערְלָאזְן קִינְדֶער אִין שְׁטוּב אַזוֹי, חַס וְשָׁלוֹם צוּ לָאזְן קִינְדֶער בְּהֶפְקֵרוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוֹיפְן פַארְן קִינְד עֶפֶּעס וָואס 'יֶעדֶער' הָאט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַלֶע שְׁכֵנוֹת וָואס זֶענֶען דִי יָארְגַאנְג פוּן מַיין טָאכְטֶער הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ "גֶעיִם בּוֹי", אָבֶער אִיךְ אוּן מַיין וַוייב ווִילְן עֶס נִישְׁט קוֹיפְן. דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיז גֶערֶעכְט פוּן אוּנְזֶער זַייט זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶעם? ווייל מַיין טָאכְטֶער וֵויינְט אַז אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס זִיצְן אוּן שְׁפִּילְן מִיט דֶעם, אוּן זִי דַארְף זִיצְן אוּן קוּקְן פוּן דִי זַייט; וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

רִיכְטִיג אִיז זָאלְסְט אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע קִינְדֶער אַז דִי לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט וָואס דֶער אוּן יֶענֶער טוּעֶן, אוּן אַז טַאטִי אוּן מַאמִי זָאגְן נֵיין - אִיז נֵיין; דָאס אִיז רִיכְטִיג.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ קְלוּגֶע פְרוֹי וָואס וֶוערְט נִישְׁט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי שְׁכֵנִים; וָואלְט דַיין וַוייבּ גֶעזָאגְט מֶען דַארְף קוֹיפְן - וָואלְט דִי שְׁאֵלָה גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה, אָבֶער אַז דַיין וַוייבּ אִיז קְלוּג אוּן ווִיל נִישְׁט גֶעבְּן גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס אַלֶע שְׁכֵנִים גֶעבְּן - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע גֶעווִינְס פַאר דִי עָתִיד פוּן דַיין שְׁטוּבּ.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁטוּבּ, גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן שְׁטוּבּ, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דָאס וֵויינֶען וְכוּ'; דַיין טָאכְטֶער וֵויינְט נָאר ווִילַאנְג זִי שְׁפִּירְט אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט זִיכֶער מִיטְן נִישְׁט קוֹיפְן, וֶוען זִי וֶועט שְׁפִּירְן ווִי סַיי דוּ אוּן סַיי דַיין וַוייבּ גֵייעֶן נִישְׁט קוֹיפְן - גֵייט זִי וֶוערְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מֶער אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַאר דִי קִינְדֶער**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אַז דִי מַצָּב אִין שְׁטוּב אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, סֵיי בַּיי דִיר אוּן סֵיי בַּיי דַיין וַוייבּ, וַוייל דִי קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט וְכוּ׳, דִי קִינְדֶער רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה וְכוּ׳.

דָאס קֶען זַיין צוּלִיב וָואס עֶס פֶעלְט זֵיי אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט; דָאס פַּאסִירְט וֶוען עֶס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן נָאךְ אַ קִינְד, אוּן דִי מַאמֶע אִיז מֶער פַארְנוּמֶען מִיט דִי נֵייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע קִינְד; דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער זֶענֶען מְקַנֵּא, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף דִי מַאמֶע, בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען צְוֵויי מַתָּנוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ צְווִילִינְג, דַארְפְן דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דֶער פַאקְט אַז דִי מַאמֶע אִיז מֶער פַארְנוּמֶען מִיט דִי פִּיצְלֶעךְ.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן, דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְטוּ גֶעבְן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַאר אַלֶע קִינְדֶער, גֶעבּ זֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער; דָאס אִיז וִויכְטִיגֶער פַאר קִינְדֶער ווִי אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, לוֹיבּ זֵיי אוֹיס, בַּארִים זֵיי אוּן נֶעם זֵיי אַרַיין אִין דִי ווִירְטְשַׁאפְט, זֵיי זָאלְן הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער; אֲפִילוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן, זֵיי קֶענֶען ווִיגְן דִי ווִיגֶעלֶע, זֵיי קֶענֶען גֶעבְן אַ בָּאטְל, אַ צוּצְל וְכוּ׳.

וְעַל כּוּלָּם זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ צַייט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי צוּ גֵיין אַ

שְׁפַּאצִיר וָואס אִיז בְּעִיקָר גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, מֶען בַּאקוּמְט שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת, מֶען קֶען אַסַאךְ דֶערְהֵייבְּן אוּן פַּארְנֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר דַארְף מֶען אַסַאךְ אִינְוֶועסְטִירְן אִין שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה
לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר הֶעלְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח, מִיר גֶעבְּן קִמְחָא דְפִסְחָא מִיטְן בַּאצָאלְן מַיינֶע מַצּוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט שֶׁפַע אוּן מִיט נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין לד:): ״אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ״, מֶען דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ; בִּפְרַט וֶוען מֶען הַאלְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְוֶועסְטִירְן אִין שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן נָאר עוֹסֵק זַיין אִין שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן בַּת מִצְוָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בַּיי אוּנְז אִין אַמֶעריקֶע בַּיי דִי פְרוּמֶע שְׁטִיבֶער מַאכְט מֶען גָארְנִישְׁט פַאר דִי טֶעכְטֶער וֶוען זֵיי וֶוערְן בַּת מִצְוָה, מֶען מַאכְט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֵסֶק דֶערְפוּן; דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַאכְן פַאר דִי טֶעכְטֶער אַ בַּת מִצְוָה סְעוּדָה אִיז פוּן מִשְׁפָּחוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען גָארְנִישְׁט.

אַז אַייעֶר טָאכְטֶער חָלוֹמְ׳ט שׁוֹין אַפָּאר יָאר פוּן אִיר חֲגִיגַת בַּת מִצְוָה אִיז שְׁוֶוער צוּ זָאגְן גָארְנִישְׁט צוּ מַאכְן וֶוען זִי וַוארְט שׁוֹין יָארְן אוּן קוּקְט אַרוֹיס אוֹיף דֶעם וְכוּ׳.

דֶער עִיקָר זָאלְן עֶנְק זֶען אַסַאךְ נַחַת בַּיי דֶעם קִינְד אוּן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער.

...

## צְוֵויי דְרֵיי קְלֶעפּ, פַאר יֶעדְן קְלַאפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער אַז דוּ טְרַאכְסְט אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן דִיר, אוּן נָאךְ אַסַאךְ מַחֲשָׁבוֹת וָואס צֶעבְּרֶעכְן דִיר; וָואס עֶפֶּעס זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן אַזֶעלְכֶע מַחֲשָׁבוֹת? פַארְוָואס זָאל אִיךְ דִיךְ נִישְׁט דַארְפְן?!

עֵצָה טוֹבָה, יֶעדֶעס מָאל עֶס קוּמְט דִיר אַרַיין אַ מַחֲשָׁבָה אַז מֶען דַארְף דִיךְ נִישְׁט; דֶער רֶבִּי דַארְף דִיךְ נִישְׁט, מוֹהַרְנַ״ת דַארְף דִיךְ נִישְׁט וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן הֶעלְפְן מִיט נָאךְ עֶפֶּעס דֶעם רֶבִּי׳ן, אוּן אַז יֶעצְט אִיז דַיין

זאךְ צו הֶעלְפְן אִין חֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער – זָאלְסְטוּ צוּרִיק שְׁלָאגְן דִי מְשׁוּגֶע׳נֶע מַחֲשָׁבוֹת מִיט נָאךְ מֶער טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, זַיי גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן זַיי לֶערְנֶען דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע גֶעבְּט אַ קְלַאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ – גֶעבְּט מֶען נִישְׁט צוּרִיק אַ קְלַאפּ, מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן צְוֵויי דְרֵיי קְלֶעפּ; אַז עֶר קוּמְט מִיט זַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת, מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, מִיט קַטְנוּת הַמּוֹחִין, גֵייט מֶען נִישְׁט סְתַּם וַוייטֶער אָן, נָאר מֶען טוּט מֶער ווִי וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בִּיז אַהֶער.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ אוּן אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר, אוּן זָאג פַאר דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת: ״יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין צַייט פַאר עֶנְק, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען מִיט דִי חֵדֶר״; לוֹיף מִיט שִׂמְחָה צוּ דִי קִינְדֶער, מַאךְ זַיי פְרֵיילִיךְ, פְרֶעדִיג אִין זַיי אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס מֶען בַּאזַייטִיגְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט אַ דֶערֶךְ אֶרֶץ׳דִיגֶע מֵיידְל, אִיר פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִיט אֵיידְלְקֵייט, דִי מְנַהֶלֶת אוּן אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס זָאגְן אַז אִיר זֶענְט זֵייעֶר וואוֹיל.

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן, אוֹיבּ אִיר זֶעט אַ קִינְד אִין סְקוּל אָדֶער פוּן אַייעֶרֶע שְׁכֵנִים וָואס קֵיינֶער שְׁפִּילְט נִישְׁט מִיט אִיר, זָאלְט אִיר זִי נֶעמֶען אִין שְׁפִּילְן מִיט אִיר, וַוייל עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס מֶען בַּאזַייטִיגְט.

זאָגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אוּן וֶוען אִיר מַאכְט אַ סִיּוּם זָאלְט אִיר מִיר דָאס דֶערְצֵיילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם שְׁטְרִיךְ אָנְצוּקוּמֶען צוּם הִימְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר רַאטְעוֶועןְ מַיין עֶסְן דֶעם יוֹם טוֹב וֶוען מַיין פְרִידְזְשִׁידֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, עֶס זָאל נִישְׁט פַארְדָארְבְּן וֶוערְן, מִיטְן מִיר בְּרֶענְגֶען אַ פְרִידְזְשִׁידֶער. בִּזְכוּת דִי חֶסֶד זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיס הַצְלָחָה.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, דוּ ווילְסְט פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ו): ״**וְהַוָּא״ו שֶׁבְּתוֹךְ הָאָלֶף**׳ דִי מִיטְלְסְטֶע שְׁטְרִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער אוֹת ו׳, וָואס לוֹיפְט אִינֶעם א - ׳**הוּא רָקִיעַ**׳ אִיז אַזוֹי וִוי דֶער הִימְל״; דוּ ווילְסְט וִויסְן וָואס הָאט דִי אוֹת ו׳ צוּטוּן מִיט דִי הִימְל?

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (הַקְדָּמַת הַתִּקּוּנִים, דַּף ז.): ״**וָא״ו שֶׁבָּאָלֶ״ף דְּמִתְקַרְיָא רָקִיעַ**״, דִי אוֹת אַלֶ״ף אִיז אַזוֹי וִוי אַ יוּ״ד פוּן אוֹיבְן, אַ יוּ״ד פוּן אוּנְטְן, אוּן אִינְדֶערְמִיט אִיז וִוי אַ וָא״ו. דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע יוּ״ד אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי ׳מַיִם אֲשֶׁר מֵעַל הָרָקִיעַ׳ דִי וַואסֶער וָואס אִיז הֶעכֶער דִי הִימְל, אוּן דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע יוּ״ד אִיז דִי ׳מַיִם אֲשֶׁר מִתַּחַת לָרָקִיעַ׳, אוּן דִי וָא״ו אִינְדֶערְמִיט - דָאס אִיז דִי הִימְל, אוּן עֶס אִיז דָא אִינֶעם אוֹת א׳ דִי צֶען סְפִירוֹת וָואס דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן דוּרְךְ זֵיי, וָואס זֵיי זֶענֶען כִּבְיָכוֹל אַ לְבוּשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל, דִי יוּ״ד וָואס אִיז אוֹיבְן - דָאס וַוייזְט אוֹיף שָׁלֹשׁ רִאשׁוֹנוֹת, כֶּתֶר חָכְמָה בִּינָה, אוּן דִי וָא״ו פוּן אִינְמִיטְן, דִי א׳ - דָאס זֶענֶען דִי זֶעקְס סְפִירוֹת חֶסֶד, גְּבוּרָה, תִּפְאֶרֶת, נֶצַח, הוֹד, יְסוֹד, אוּן דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע

פִּינְטְל, דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע יוּ״ד - אִיז דִי מַלְכוּת; דָאס אַבִּיסְל פַאר אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין, דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל דָארְט אִיז נָאר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דָאס אִיז דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס שְׁפִּירְן אוּן זֶעעֶן נָאר אֱלֹקוּת, אוּן מִיר מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ וָואס מִיר זֶעעֶנֶען וִוי אַזוֹי מִיר זֶעעֶנֶען, מִיר זֶעעֶנֶען אִין אַ גוּף וָואס צִיט צוּ גַשְׁמִיוּת, מִיר זֶעעֶנֶען בַּיי דִי ׳מַיִם אֲשֶׁר מִתַּחַת לָרָקִיעַ׳, אַלֶעס אִיז פַארְשְׁטֶעלְט, מֶען זֶעט נִישְׁט, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט אֱלֹקוּת - דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תִּיקוּנִים ה) אַז דִי מַיִם הַתַּחְתּוֹנִים וֵויינֶען אוּן זָאגְן: ״אֲנַן בָּעְיָין לְמֶהֱוֵי קֳדָם מַלְכָּא״, מִיר ווִילְן זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֶען נָאר אֱלֹקוּת אִין יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַז דִי מַיִם הַתַּחְתּוֹנִים זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי נְקוּדָה הָעֶלְיוֹנָה דַארְף דָאס אַרִיבֶּערְגֵיין דִי רָקִיעַ, דִי שְׁטְרִיךְ וָואס זֶעט אוֹיס וִוי אַ וָא״ו, מֶען דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם הִימְל וָואס אִיז ׳שָׁמַיִם׳; פַארְוָואס רוּפְט מֶען דִי הִימְל שָׁמַיִם? וַוייל שָׁמַיִם אִיז דִי וֶוערְטֶער אֵשׁ וּמַיִם פֵייעֶר אוּן וַואסֶער, וַוייל דִי הִימְל אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים, מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים אוּן עֶר שְׁוַוייגְט אָפּ - וֶוערְט אִין אִים אַזוֹי וִוי אַ הִימְל, עֶס לוֹיפְן אִין אִים אַרִיבֶּער דִי צְוֵויי זַאכְן, אֵשׁ וּמַיִם, פֵייעֶר אוּן וַואסֶער; וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן דִי צַדִיקִים וָואס זֶעעֶן אוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג - נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים, וֶוען מֶען וֶוערְט אוֹיסְפְּרוּבִּירְט דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דֶעמָאלְט וֶוערְט צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דֶער גַאנְצֶער אוֹת א׳, דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל מִיט דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן אָדָם לָשֶׁבֶת עַל הַכִּסֵּא.

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן מִיט דִי גְרִינְגֶע זִיסֶע פֵּירוּשׁ פוּן שִׂפְתֵי תִּפְתָּח, וָואס אִיז בְּעֶצֶם נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע חִידוּשִׁים נָאר אַ תַּמְצִית פוּן סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׂפַת הַנַּחַל אוּן פוּן אֲשֶׁר בַּנַחַל, אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז פָּשׁוּטְ׳עֶ קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נָאכְנִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט בַּיים שָׁלוֹם זָכוֹר פוּן זַיין זוּן שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וֶוען עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען תּוֹרוֹת פַאר אַנְשֵׁי

שְׁלוֹמֵינוּ, און וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי פַּארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער אִיז אַייךְ שׁוּלְדִיג אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין יְדִיעָה אִין אֵיידְלְקֵייט"; קוּק נָאךְ אִין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק אוֹת תק"מ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַכְנָסַת כַּלָּה וָואס אִיז רֵיין צְדָקָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, דַארְפְסְטוּ אִים נָאר לוֹיבְּן און דַאנְקֶען אַז דוּ הַאלְסְט שׁוֹין בַּיים יוּנְגְסְטְן קִינְד. אַלֶע קִינְדֶער הָאסְטוּ אַזוֹי שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט און אַלֶע פִירְן זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה, אַלֶע זֶענֶען מְקוֹרָב וּמְקֻשָּׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְפְסְטוּ אִים נָאר דַאנְקֶען און לוֹיבְּן.

יֶעצְט אַז דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה מַאכְן דַיין קִינְד און דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר גֶעלְט אַיינְצוּקוֹיפְן פַּאר דִי כַּלָּה שְׁטָאפִיר - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ בֶּעטְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועט עֶס וִויל דִיר הֶעלְפְן מִיט הַכְנָסַת כַּלָּה. בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִלָּה מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, דָאס צַאמְנֶעמֶען הַכְנָסַת כַּלָּה אִיז רֵיין צְדָקָה, הַכֹּל בַּכֹּל מִכֹּל כֹּל דַארְף מֶען צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ קֶענֶען אַיינְרִישְׁן, אַיינְקוֹיפְן פַּאר דִי כַּלָּה - אַלֶעס וָואס זִי דַארְף; זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועט עֶס וִויל דִיר הֶעלְפְן.

גֶעבּ דַיין וַוייבּ כָּבוֹד, עֶס קוּמְט אִיר גְרוֹיס כָּבוֹד, זִי אִיז דִיר גֶעטְרֵיי דַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, זִי אִיז אַן אֵשֶׁת חַיִל, רֶעד צוּ אִיר וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ קֶענִיג.

אַז דוּ ווילְסְט נִיצְן דֶעם בְּרִיוו פַּאר הַמְלָצָה קֶענְסְטוּ וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי זָאלְן דִיר הֶעלְפְן מִיט הַכְנָסַת כַּלָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְעֶכְטְן גְלַייךְ זַאכְן אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זֶע אַז אִין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין צִמְצוּם, זֶע עֶס זָאל זַיין אַ בְּרֵייטְקֵייט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶעבְּנְ׳ס זַאכְן; בְּרוֹיט, מִילְךְ וְכַדוֹמֶה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט קַארְגְן, זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל זַיין אִין שְׁטוּבּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

אוֹיךְ אַלֶעס וָואס דַיין וַוייבּ דַארְף הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ גְלַייךְ מַאכְן, אַז זִי בֶּעט דִיר זָאלְסְט אִיבֶּערְטוּישְׁן דִי לֶעקְטֶער, עֶס אִיז אִיר טוּנְקֶל אִין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן מָארְגְן מָארְגְן, אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ עֶס צִיעֶן וָואכְן וְכוּ׳. דֶער מַאן אִיז רוֹב טָאג נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ קֶען עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט וִויכְטִיג, אָבֶּער פַאר דִי פְרוֹי וָואס אִיז אִין שְׁטוּבּ אוּן פָּארֶעט זִיךְ מִיט דִי וִוירְטְשַׁאפְט - אִיז דָאס זֵייעֶר וִויכְטִיג.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי אוּן דַאוֶוענֶען מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע מִנְיָן, לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִינְדֶערְפְרִי, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה.

...

## אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין וֶועג פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ד נִיסָן, ט׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם פֶּסַח בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; וָואס זָאל

אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל, אַ פְּלַאץ פוּן שִׂמְחָה, אַ פְּלַאץ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אַ פְּלַאץ פוּן לִיבְּשַׁאפְט; אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

יוֹם טוֹב אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין. חוֹל הַמוֹעֵד הָאבְּן מִיר גֶעהַאט יֶעדְן טָאג אַ סִיוּם הַשַׁ"ס; אֵיין טָאג פוּן אַ בָּחוּר, אֵיין טָאג פוּן אַ קִינְד אוּן אֵיין טָאג פוּן אַ אִיד וָואס הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער; עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ וויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, יֶעצְט אִין סְפִירָה טֶעג זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין וֶועג פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן אֲפִילוּ דֶער אִיד אִיז נִישְׁט דַיין סָארְט, אוּן אֲפִילוּ דוּ הָאסְט חֶשְׁבּוֹנוֹת וְכוּ' - זָאלְסְטוּ אַ טוֹבָה טוּן פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה אִיז גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט; "אַ גוּט מָארְגְן", "אַ גוּטְן טָאג", "אַ גוּטֶע נַאכְט", אַ פְרֶעג "וָואס מַאכְסְטוּ?" אַ פְרֶעג "וָואס קֶען אִיךְ טוּן פַּאר דִיר?"

מוֹהַרְנַ"ת פְּלֶעגְט זָאגְן: "וָואלְטְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט וָואלְט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגוֹת", אוּן דֶערְפַּאר פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּ מַאכְן חֲלִישׁוּת הַדַעַת מִיט אַלֶע סָארְט תֵּירוּצִים פַּארְוָואס מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין, זִיךְ נִישְׁט גְרִיסְן, שְׁמוּעֶסְן וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאכְנִישְׁט פַּארְצֵיילְט פוּן דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט, מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן שׁוּלְדִיג קֵיין אֵיין פְּרוּטָה; דָאס אִיז אַ נֵס לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶבַע, דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִילוֹת אוּן אַ מַעֲשֶׂה פוּן דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן גֶעגֶעבְּן צְדָקָה מֶער פוּן זֵייעֶר מֶעגְלִיכְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ טוּן מְלָאכוֹת שַׁבָּת?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ״ד נִיסָן, ט׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹם וְכוּ׳; גֶעבְּט צְדָקָה אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס פַּאסִירְן מִיטְן קִינְד.

בְּנוֹגֵעַ וָואס מֶען טוּט בַּיי אַייעֶר שְׁוֶועגְ׳ס הוֹיז, מֶען נֶעמְט קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ טוּן מְלָאכוֹת שַׁבָּת, אִיר וִוילְט וִויסְן אוֹיבּ בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ קֶענְט אִיר דָאס טוּן; עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט טוּן קַיין מְלָאכוֹת שַׁבָּת דוּרְךְ אַ קִינְד אוּן מֶען טָאר נִישְׁט הֲנָאָה הָאבְּן פוּן אַ מְלָאכָה וָואס אַ קִינְד מַאכְט שַׁבָּת, נָאר אוֹיבּ דִי קִינְד מַאכְט עֶס פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן נָאר וֶוען עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע צוֹרֶךְ אוּן אוֹיךְ נָאר אוֹיבּ דָאס קִינְד אִיז אוּנְטֶער דְרַיי יָאר קֶען מֶען מֵקִיל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן פוּן אִיבֶּערָאל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ״ד נִיסָן, ט׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען אוֹיף מִירוֹן לַ״ג בָּעֹמֶר; אִיךְ מֵיין דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, מֵילָא רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְפְן מִיר אַלֶע קוּמֶען קַיין אוּמַאן, מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, דֶער רֶבִּי זָאגְט קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תג), אִיז וִוי קֶען מֶען פֶעלְן, אָבֶער יֶעצְט לַ״ג בָּעֹמֶר אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק צוּ אִיבֶּערְלָאזְן דִי וַוייבּ מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

מֶען קֶען זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן פוּן אִיבֶּערָאל, דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר; זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תִּיקוּנִים אוּן

יֶעדְן שַׁבָּת זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם גַאנְצְן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ פוּנֶעם זוֹהַר. אֵיידֶער מֶען טוּט דָאס - מֵיינְט מֶען אַז דָאס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ, אוּן אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁפִּירְט מֶען אַ זִיסֶע טַעַם, מַמָּשׁ מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָ׳ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן שַׁבָּת מִיטְן זֵיידְן, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶעם זוֹהַר פוּן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ. דִי סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען, זֵיידִי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם זוֹהַר אוּן אִיךְ הָאבּ מִיט גֶעזָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט וָוארְט בַּיי וָוארְט, זֵיידִי הָאט נִישְׁט גֶעטַייטְשְׁט, נָאר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער מִיט אַ חַיוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת, אוּן נָאךְ יֶעדֶע שְׁטִיקְל זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, דָאס זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִיז מְקַדֵּשׁ אוּן מְזַכֵּךְ דֶעם מֶענְטְשׁ".

הֶעלְף דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבְּן אַ גוּטֶע גֶעפִיל פַאר אַלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד נִיסָן, ט׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוּס פוּן שְׁטֶעטְל, פֶּסַח בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט כַּמָּה פְּעָמִים: "מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶערֶע בָּחוּרִים פַאר קֵיינֶעם", אַזוֹי אוֹיךְ זָאג אִיךְ דִיר: "מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ"; עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ תַּעֲנוּג צוּ זַיין אִינְאֵיינֶעם דֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּ דִיר.

בְּנוֹגֵעַ כּוֹלֵל; אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט צַאמְנֶעמֶען דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אוּן אָפְּשְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי דִי פְּלַאן פַאר דֶעם זוּמֶער זְמַן הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, וִוי אַזוֹי מֶען זָאל צַאמְנֶעמֶען גַאנְץ הִלְכוֹת שַׁבָּת, אַלֶע זָאלְן זַיין גְרֵייט צוּ עֶנְדִיגְן הִלְכוֹת שַׁבָּת אוּן זִיךְ פַארְהֶערְן, אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אִיז דָא אַ נַדְבָן

וָואס וויל הֶעלְפְן די כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט וָואס פַארְהֶערְן זִיךְ און קוּמֶען מִיט אַ כְּתַב פון רַבָּנִים אוֹיף די בְּחִינָה, און פַאר יֶעדֶע כְּתַב גֶעבְּט עֶר טוֹיזְנְט דָאלֶער, יֶעדֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס וֶועט זִיךְ פַארְהֶערְן בַּיי רַבָּנִים וֶועט בַּאקוּמֶען די גֶעלְט.

אוֹיךְ וויל אִיךְ דיר בֶּעטְן, אוֹיסֶער דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט דַיְין פַאר די קְהִילָה, דוּ שְׁטֵייסְט גְרֵייט בַּייטָאג און בַּיינַאכְט צוּ עֶנְטְפֶערְן שְׁאֵלוֹת פַאר אַלֶעמֶען, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ זַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל, זַיין אַ הִילְף פַאר די כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, זֶען אַז אַלֶע זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן חַבְרוּתוֹת, אַלֶע זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין צַאמְצוּנֶעמֶען די הֲלָכוֹת וָואס מֶען לֶערְנְט די לֶעצְטֶע דְרֵיי יָאר, יֶעדֶע אִינְגֶערְמַאן זָאל בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעפִיל אַזוֹי ווי דוּ הָאסְט אַלֵיין גֶעזֶען די פָּאר יָאר וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אִין קַארְלְסְבּוּרְג כּוֹלֵל, ווִי עֶר הָאט גֶעשֶׁעצְט און גֶעגֶעבְּן כָּבוֹד פַאר יֶעדֶע צוּרְבָא מֵרַבָּנָן, אֲפִילוּ פַאר אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ, ווי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר יֶעדְן און גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע גֶעפִיל פַאר אַלֶעמֶען, און דָאס הָאט זֵיי גֶעשְׁטוּפְּט צוּ לֶערְנֶען און מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס דֶערְקֶענְט זִיךְ די חִינוּךְ פון בֵּית פֵיגָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פון מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען פַאר די חִינוּךְ פון בֵּית פֵיגָא. זֵיי שְׁרַייבְּן אַז חוֹל הַמּוֹעֵד וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פַארֶעם און גֶעזֶען אַז עֶס אִיז צוּ טֵייעֶר און גֶעזָאגְט פַאר די מֵיידְלֶעךְ אַז מֶען גֵייט אַהֵיים - הָאבְּן די קִינְדֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קֵיין אֵיין קְרֶעכְץ, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אוּנְזֶער טִיטְשֶׁער הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט נִישְׁט צוּ מוּטְשֶׁען די עֶלְטֶערְן".

אוֹיךְ וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי זֵייעֶר זֵיידֶע אוּן דֶער זֵיידֶע הָאט נָאר גֶעוָואלְט קִיצְלֶען וְכוּ׳, הֶערְן זֵיי וִוי זִי זָאגְט פַאר דִי זֵיידֶע: ״אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען קִיצְלְט מִיךְ אוּן וֶוען מֶען רִירְט מִיךְ אָן״.

דָאס אִיז אַבִּיסֶל אִיר זָאלְט וִויסְן אוּן הֶערְן וָואס בֵּית פֵּיגָא טוּט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

מִיר זֶענֶען אַייךְ זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר אַלֶעס וָואס מִיר וֵוייסְן וָואס אִיר טוּט אוּן פַאר אַלֶעס וָואס מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס מֶען טוּט מִיט אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען וַוייטֶער טוּן מִיט אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, אוּן אִיר זָאלְט זֶען נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

...

## דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ הֶעלְפְן מִיט טָהֳרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-מְבָרְכִים, כ״ז נִיסָן, י״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

יֶעצְט אִיז גֶעוָוארְן דְרֵיי יָאר וָואס עֶנְק גֶעבְּן אַוֶועק פוּן עֶנְקֶער צַייט פַאר דִי מִקְוֶה טָהֳרָה נַאכְט נָאךְ נַאכְט. עֶס אִיז נִישְׁט צוּם פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶנְק טוּעֶן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה, וֶוען דִי צַייט פוּן פַארְנַאכְטְס אִיז אַ צַייט וָואס מַאן אוּן וַוייבּ פַארְבְּרֶענְגֶען, שְׁמוּעֶסְן וְכוּ׳, מֶען רוּט זִיךְ אָפּ פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן פּוּנְקְט דֶעמָאלְט שְׁטֶעלְן עֶנְק אַלֶעס אָפּ צוּ הֶעלְפְן מִיט טָהֳרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל.

דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה זָאל עֶנְק בַּאגְלֵייטְן בָּזֶה וּבַבָּא.

...

## מֶען בֶּעט פַאר טַאטֶע מַאמֶע אוּן פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי מַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-מְבָרְכִים, כ"ז נִיסָן, י"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז עֶס אִיז דָא בַּיי עֶנְק אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ", אַז מַאן אוּן ווַייבּ לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם, מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט, מֶען זֶעט דִי מַעֲלוֹת בַּיים צְוֵוייטְן - "שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶם", רוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צְווִישְׁן זֵיי בֵּיידֶע. ווַייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת י.), דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אִיז 'שָׁלוֹם', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט, מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם.

נָאךְ דִי חֲתוּנָה בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן: "הָרַחֲמָן הוּא יְבָרֵךְ אֶת אָבִי מוֹרִי וְאֶת אִמִּי מוֹרָתִי, אוֹתִי וְאֶת בַּעְלִי", מֶען בֶּעט פַאר טַאטֶע מַאמֶע אוּן פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי מַאן, אוּן אַז מֶען הָאט קִינְדֶער זָאגְט מֶען: "וְאֶת זַרְעִי", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. מֶען בֶּעט: "כְּמוֹ שֶׁנִּתְבָּרְכוּ אֲבוֹתֵינוּ", בֶּענְטְשׁ אוּנְז מִיט דִי בְּרָכָה וָואס דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת הָאבְּן גֶעלֶעבְּט, "בַּכֹּל מִכֹּל כֹּל", זֵיי הָאבְּן אַלֶעס גֶעהַאט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא יז.), דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיף דִי וֶועלְט עוֹלָם הַבָּא, ווַייל בַּיי זֵיי שְׁטֵייט זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט בַּכֹּל מִכֹּל כֹּל, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַלֶעס; דָאס אִיז דִי מַדְרֵיגָה פוּן שְׁפִּירְן ווִי מֶען הָאט אַלֶעס, אֲפִילוּ מֶען גָארְנִישְׁט דָאךְ שְׁפִּירְט מֶען זִיךְ אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין אַן עֶלֶעוֶועיטֶער אִיז נִישְׁטָא קַיין יִחוּד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִינֶעם נֵייעֶם תַּלְמוּד תּוֹרָה בִּנְיָן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ט נִיסָן, י״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶערֶע שֵׁיינֶע מוֹסְדוֹת מִיט דִי רֶענְט קָאמְפֵּיין.

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר זַיין אַ שָׁלִיחַ צוּ בַּאצָאלְן דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי חוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבָּארְגְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן דִי קֶעמְפּ ׳אִילָן הַחַיִּים׳, אִיךְ הָאבּ גֶעבָּארְגְט פוּן ... צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט אוּן פוּן ... פֶערְצִיג טוֹיזְנְט, בֵּיידֶע פוּן זֵיי זֶע אִיךְ מֶער נִישְׁט, אִיךְ מַיין אַז בֵּיידֶע פוּן זֵיי הָאבְּן מֶער נִישְׁט קַיין דִירֶעקְטֶע שַׁיְּיכוּת וְכוּ׳. אִיךְ גֶעבּ דִיר זֶעכְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער דוּ זָאלְסְט זֵיי בַּאצָאלְן אוּן פוּן זֵיי צוּרִיק נֶעמֶען דִי שְׁטָרוֹת.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, אוֹיבּ אִיז דָא אִיבְּרִיגֶע גֶעלְט אִין דַיין קַאסֶע; עֶס אִיז מִיר אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען צוּ קוֹיפְן יֶעצְט אַ שֶׁטַח נֶעבְּן אוּנְזֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן, מִיר וִוילְן שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן בּוֹיעֶן אַ נֵייעֶם בִּנְיָן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ קֶענֶען אַיינְשְׁטֵיין בְּהַרְחָבָה וֶוען מֶען קוּמְט אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט גֶעבְּן דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר פַאר דִי שֶׁטַח.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן פָאנְדְרֶעיזְן פַאר דִי נֵייעֶ בִּנְיָן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה אִין שְׁטֶעטְל, מִיר הָאפְן בְּקָרוֹב מַמָּשׁ אָנְצוּהוֹיבְּן בּוֹיעֶן. אִיךְ וִויל אַז אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, יֶעדֶער אֵיינֶער בְּלִי יוֹצֵא מִן הַכְּלַל – זָאל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִינֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה בִּנְיָן וואוּ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִתְחַנֵּךְ וֶוערְן מִיט תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דַיין טָאג אִין חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהַרְנַ"ת אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בֵּיים רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּב, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט אוּן דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן שב): "דֶער עִקָּר אִיז 'מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי'" (יוֹנָה ב, ג), אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין פַארְכַאפְּט בַּיי דִי טוּמְאָה, עֶר אִיז שׁוֹין אִינֶעם בֶּטֶן פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא - זָאל עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן, נָאר פוּן דָארְט שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"טַאטֶע נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר לִיכְטִיג וֶוערְן"**, אוּן אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּמַחְשָׁבָה, דִיבּוּר אוּן מַעֲשֶׂה, אַרוֹיס זָאגְן דִי עֲבֵירוֹת מִיטְן מוֹיל. אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (בֹּא, דַף מ:): "כֵּיוָן דְּאַקְדִּים בַּר נָשׁ", אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, עֶר קוּמְט עֶרְשְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּמְפָרֵיט חֶטְאוֹי", אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אוֹיס זַיין הַארְץ, דִי עֲבֵירוֹת אִין וָואס עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, "כָּל חַד וְחַד", עֶר דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן זִינְד, "לָא אַשְׁאִיר פִּתְרָא דְפוּמָא לְהַהוּא מְקַטְרְגָא", הָאט שׁוֹין דֶער יֵצֶר הָרָע נִישְׁט וָואס צוּ פַארְ'מַסְרְ'ן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִים 'אִיךְ וֵוייס שׁוֹין אַלֶעס, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין דָא גֶעוֶוען, עֶר הָאט שׁוֹין דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן', "וְלָא יָכִיל לְמִתְבַּע עָלֵיהּ דִּינָא", אוּן עֶר קֶען מֶער נִישְׁט בֶּעטְן מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען אַ שְׁטְרָאף אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, "דְּהָא תָּדִיר תָּבַע דִּינָא בְּקַדְמִיתָא", ווייל שְׁטֶענְדִיג זוּכְט עֶר וִוי מֶען קֶען בְּרֶענְגֶען שְׁטְרָאפְן, "וּלְבָתַר מִשְׁתָּעֵי וּמְקַטְרֵג פְּלוֹנִי עָבֵד כַּךְ", אוּן נָאכְדֶעם רֶעדְט עֶר אָן אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, "וְעַל דָּא", דֶערְפַאר, "אִצְטְרִיךְ לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאַקְדְּמָא", דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ אִים פֶּעדֶערְן, זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, "וּלְפָרֵט חֶטְאוֹי", אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע עֲבֵירָה, אַזוֹי וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט, "כֵּיוָן דִּמְקַטְרְגָא חָמֵי דָּא", אוּן וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע זֶעט אַז דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, "לֵית לֵיהּ פִּתְרָא דְּפוּמָא

עָלֶיהָ״, קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן אִים, ״וּכְדֵין״, אוּן דוּרְכְדֶעם, ״אִתְפְּרַשׁ מִנֵּיהּ מִכֹּל וָכֹל״, וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר גֵייט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

וֶוען דַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר אוּן פוּן שׁוּלֶע - זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיסְפְרֶעגְן: ״וִוי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דַיין טָאג? וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין חֵדֶר? וָואס הָאט דַיין רֶבִּי גֶעזָאגְט? וָואס הָאט דַיין לֶערֶערִין גֶעזָאגְט?״ פְרֶעג זֵיי: ״בִּיסְט דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג? אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג? דוּ בִּיסְט פוּן דִי קִינְדֶער וָואס שְׁטֶערְן?״ עֶס זָאל דִיר אִינְטֶערֶעסִירְן דַיינֶע קִינְדֶער, עֶס זָאל דִיר אִינְטֶערֶעסִירְן דַיין שְׁטוּב; אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

הַיינְט זָאגְט מֶען נִישְׁט יוֹם כִּיפּוּר קָטָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ט נִיסָן, י״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וְכוּ׳ דוּ חָלוֹמְ׳סְט זִיךְ שְׁלֶעכְטֶע חֲלוֹמוֹת וְכוּ׳ אוּן דוּ פַאלְסְט וְכוּ׳, דוּ ווִילְסְט אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין רֵיין אוּן אָפְּגֶעהִיטְן; זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען פַארְן שְׁלָאפְן גֵיין - לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן.

דִי סְגוּלָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעגֶעבְּן פַאר אַ אִיד וָואס הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל אִין מִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר הָאט גֶעווֵיינְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד זָאל אִים גֶעבְּן אַן עֵצָה, דֶער מַגִיד הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֵצוֹת, לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַז דִי עֵצוֹת הֶעלְפְן נִישְׁט, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַנְדֶערֶע עֵצוֹת, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז דִי עֵצוֹת הֶעלְפְן אוֹיךְ נִישְׁט, אוּן עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל

בַּעֲוֹון קְרִי רַחֲמָנָא לִצְלָן. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ סְגוּלָה וָואס דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּ מִיר, וַוייל דִי סְגוּלָה וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן", עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' אוּן אִים גֶעזָאגְט: "לֶערְן יֶעדֶע נַאכְט פַּאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן אַבִּיסְל פוּן דֶעם סֵפֶר, וֶועסְטוּ זִיכֶער וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן מִקְרֶה לַיְלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

פַארְוָואס קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע וֶוען עֶס אִיז דָא גוּטֶע יְשִׁיבוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן בִּפְרַט אִין יַבְנְאֵל, עֶס אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט צוּ קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, מֵילָא אַ בָּחוּר וָואס הָאט דָא אַ זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע וואוּ אַיינְצוּשְׁטֵיין - אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער אַז נִישְׁט - אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ קוּמֶען, עֶס לוֹינְט נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָנָּא הַשֵּׁם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיין מַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה

**... תִּחְיֶ'**

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַּאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַּאר מַיין מַאן, אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַּאר אַלֶעס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיין מַאן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, יֶעדֶעס מָאל מַיין מַאן טוּט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ פוּן וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט - וֶוער אִיךְ זֵייעֶר נֶערְוֶועז, אוּן נָאכְדֶעם רֶעד אִיךְ צוּ אִים זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין, אִיךְ פְּלִיק, אוּן שְׁטֶעךְ אִים, אִיךְ רֶעד זֵייעֶר מִיאוּס צוּ אִים.

אָנָּא הַשֵּׁם רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן אִים וֶוען עֶר טוּט אַנְדֶערְשׁ וִוי אִיךְ טְרַאכְט, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעקָאכְט אוּן צֶעהִיצְט וֶוען עֶר טוּט זַאכְן וָואס אִיז אַנְדֶערְשׁ וִוי אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּארְגֶעשְׁטֶעלְט.

רַאטֶעוֶוע מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיין מַאן, אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט וֵויי טוּן, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם אִיךְ גֵיי אַרֵיין אִין דִי שְׁלֶעכְטֶע מַצָּב רוּחַ, אִיךְ הוֹיבּ אִים אָן זָאגְן קְרִיטִיק - זָאל אִיךְ אִים נִישְׁט אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרֶעכְן, וַוייל יֶעדֶע מָאל דָאס פַּאסִירְט הֶער אִיךְ נִישְׁט אוֹיף אִים צוּ דֶערְגֵיין דִי יָארְן - בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן וֵויינֶען, אוּן עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט כַאפּ אִיךְ זִיךְ וִוי שְׁלֶעכְט אִיךְ בִּין.

אָנָּא הַשֵּׁם הֶעלְף מִיר צוּ קוּמֶען צוּ אֱמֶתְ׳עֶ שָׁלוֹם בַּיִת, הֶעלְף מִיר צוּ קוּמֶען צוּ אֱמֶתְ׳עֶ לִיבְּשַׁאפְט, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם? אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק בַּאקוּמֶען דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע צוּקֶערְדִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת לֶעבְּן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה בַּיים מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם צַדִּיק, אִיךְ בִּין אָבֶער נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן דֶעם.

אָנָּא הַשֵּׁם הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיסְאֵיידְלֶען מַיינֶע מִידוֹת, אוּן אֲפִילוּ זַאכְן וֶוערְן גֶעטוּן אַנְדֶערְשׁ וִוי אִיךְ וִויל - זָאל מִיךְ עֶס נִישְׁט אָנְגֵיין, עֶס זָאל מִיר נִישְׁט בַּאדֶערְן, וַוייל אִין אַ שְׁטִיק צַייט אַרוּם וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, וֶועלְן דָאךְ אַלֶע סַיי וִוי טוּן אַנְדֶערְשׁ וִוי אִיךְ וִויל, אִיז פַארְוָואס דִי פָּאר יָאר וָואס אִיךְ לֶעבּ זָאל אִיךְ מִיךְ אוֹיפְּעֶסְן מַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן אַז מֶען טוּט אוּן מֶען מַאכְט אַנְדֶערְשׁ וִוי אִיךְ וִויל?

אָנָּא הַשֵּׁם, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ה.), וֶוער וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים? ׳מִי שֶׁנַּעֲשֶׂה שָׁכֵן לְעָפָר בְּחַיָּיו׳, וֶוער עֶס אִיז בַּיים לֶעבְּן אַזוֹי וִוי נָאכְן שְׁטַארְבְּן, עֶר לֶעבְּט מִיט דִי כַּוָּונָה אַז ׳נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל שְׁטַארְבְּן וֶועלְן

**אַלֶע דָאךְ סַיי ווִי טוּן ווִי זַיי ווִילְן, מֶען ווֶעט טוּן פַארְקֶערְט פוּן מִיר, אִיז יֶעצְט ווֶוען מֶען טוּט אַנְדֶערְשׁ - גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן, אִיךְ לֶעבּ יֶעצְט אַזוֹי ווִי אִיךְ ווָאלְט שׁוֹין גֶעוֶוען אִין קֵבֶר׳, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, אִיךְ זָאל רֶעדְן שַׁיין צוּ מַיין מַאן אוּן צוּ אַלֶעמֶען, אָמֵן".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן גֶעלְט אִיז עֶקְלְדִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרָשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, ט"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רעז), **חוֹדֶשׁ אִיָּר אִיז מְסוּגָל פַאר רְפוּאָה;** צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זַיין גֶעזוּנְט פִּיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, דוּ, דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע אִידְן. מִיט אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה קֶען מֶען שָׁאקְלֶען ווֶועלְטְן, מִיט אַ קְלֵיינֶע מַאךְ מִיט דִי מוֹיל - קֶען מֶען פּוֹעֵל׳ן גְרוֹיסֶע זַאכְן.

זַיי נִישְׁט בַּיי דִיר אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אַז דַיינֶע תְּפִלּוֹת הֶעלְפְן נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דַיינֶע תְּפִלּוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט דִיר, "יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר" (יְשַׁעְיָ׳ מט, ג) - אִיז אוֹיף דִיר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן, עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס זָאגְן דִיר אַז דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט ווֶערְד; בִּיסְט יָא ווֶערְד, בִּיסְט יָא חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן בְּשֵׁם מוֹהֲרָא"שׁ, רֶעד נִישְׁט פוּן גֶעלְט. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט קְהִלּוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ עֶס זָאל זַיין אַ ד׳ אַמּוֹת וואוּ גֶעלְט אִיז מֻקְצֶה מַחֲמַת מִיאוּס. אֱמֶת, מֶען דַארְף הָאבְּן פַּרְנָסָה, מֶען דַארְף זִיךְ מְפַרְנֵס זַיין, אַלֶע דַארְפְן הָאבְּן שֶׁפַע, אָבֶּער דָאס רֶעדְן פוּן גֶעלְט אוּן דָאס שְׁמוּעֶסְן פוּן גֶעלְט - אִיז עֶקְלְדִיג, דָאס אִיז נִישְׁט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

דַיינֶע שְׁמוּעֶסְן, דַיינֶע שִׂיחוֹת חֲבֵרִים, דִּבּוּק חֲבֵרִים - זָאלְן זַיין פוּן רֶבִּינְ׳ס

עֵצוֹת, אוּן אַז דוּ הֶערְסְט ווִי מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּן גֶעלְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַוֶועק צִיעֶן פוּן דִי שְׁמוּעֶס. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, דָאס זָאל זַיין דַיינֶע שְׁמוּעֶסְן; פוּן תְּפִלָּה, פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן תּוֹדָה וְהוֹדָאָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט אָן אֵיין שָׁאס פִּילְוֶוער, עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט זַיין שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה; ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֶעלְף מִיר מִיט מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. זֶעסְט אִין שׁוּל אַ אִינְגֶערְמַאן, אַ בָּחוּר - גֶעבּ אִים אַ גוּט וָוארְט, גֶעבּ אִים אַ שְׁמֵייכְל, אוּן אוּיבּ דוּ הָאסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ בָּארְגְן; בָּארְג אוּיס אַ גוּט וָוארְט, אַ שְׁמֵייכְל אוּן פַארְגִין יֶענֶעם, עֶס אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט אוּן אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ צְוֵוייטְן, בִּפְרַט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוּיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס גֵייט אַרִיבֶּער.

הַיינְט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז דָא אַ שִׁיעוּר פַאר דִי פְרוֹיעֶן, זֶע צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין ווַייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

### ווִי שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן אוּיף צַדִּיקִים?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ מְצוֹרָע, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, ט״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ גֵייט צְוֵויי פַּרְשִׁיּוֹת תַזְרִיעַ אוּן מְצוֹרָע, הוֹיבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל. אוּיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכָה אוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים. לֶערְן אַבִּיסְל פוּן אַלֶעס, מְעַט גַּם כֵּן טוֹב, אַבִּיסְל אִיז אוּיךְ גוּט, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל מִיט נָאךְ אַבִּיסְל - פִּילְט זִיךְ אָן אַ שִׁיסְל, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶרֶב פֶּסַח בַּיים פָּארְלֶערְנֶען

דֶעם בְּלַאט גְמָרָא (מַכּוֹת ט:): "אֵין מִיעוּט אַחַר מִיעוּט אֶלָּא לְרַבּוֹת", אַבִּיסְל מִיט נָאךְ אַבִּיסְל - וֶוערְט אַסאךְ.

אַנְטְלוֹיף פוּן דִי וָואס רֶעדְן אוֹיף צַדִיקִים, דֶער וָואס רֶעדְט אוֹיף צַדִיקִים אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה. אֲפִילוּ פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט עֶר אוֹיס ווִי אַ שֵׁיינֶער אִיד וְכוּ' וְכוּ', אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז דַיין מִשְׁפָּחָה וְכוּ'. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז:): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַזּוּת פָּנִים, בְּיָדוּעַ שֶׁנִּכְשַׁל בַּעֲבֵרָה", וֶוער עֶס אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה; ווִי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶער עַזּוּת פָּנִים ווִי אֵיינֶער וָואס וַואגְט זִיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיף צַדִיקֵי אֱמֶת?! ווִי שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן אוֹיף צַדִיקִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, פַאר מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ?! עֶס אִיז נָאר וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פְּגוּם בִּבְרִית, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים נה, כא): "שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלֹמָיו חִלֵּל בְּרִיתוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, צַדִיקֵי אֱמֶת, אִיז עֶס וַוייל "חִלֵּל בְּרִיתוֹ", דֶער מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת; אֲפִילוּ פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט זֶען, פַארְקֶערְט נָאךְ, דִי וָואס רֶעדְן אוֹיף צַדִיקֵי אֱמֶת זֶעעֶן אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן ווִי כְּלוֹמְר'ישֶׁע פְרוּמֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', דָאךְ זֶענֶען זֵיי פַארְפוֹילְט פוּן אִינֶעוֵוייניג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, ב' אִיָּר, י"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס מֵיינְסְטוּ, בִּיסְט נִישְׁט חָשׁוּב מֶער בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן? פִּינְקְט פַארְקֶערְט, דַיְקָא דִיךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דוּ וֵוייסְט וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

הָאט לִיבּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד"; אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ – אִים הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

דֶער עִיקָר שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז דָאס וָואס עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר וִויל אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אִים תַּעֲנוּגִים אוּן שַׁעֲשׁוּעִים וָואס מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן פוּן מַלְאָכִים. מַלְאָכִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין יֵצֶר הָרָע, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין דַאֲגוֹת פַּרְנָסָה, זֵיי זֶענֶען אַ שְׁטִיק פֵייעֶר, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר הֵיילִיג; דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶעם קְלֵיינֶעם מֶענְטְשֶׁעלֶע מִיט אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרָע וָואס וַוארְפְט אִים אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוּן קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, עֶר פְּרוּבִּירְט וָואס עֶר קֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז): "כִּי מִי שֶׁיּוֹדֵעַ קְצָת בִּידִיעָתוֹ יִתְבָּרַךְ", וֶוער עֶס וֵוייסְט אַבִּיסְל וָואס אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הוּא יוֹדֵעַ שֶׁעִקַּר הַתַּעֲנוּגִים וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא רַק שֶׁאֲנַחְנוּ מֵעוֹלָם הַזֶּה הַשָּׁפָל נְגַדֵּל וּנְקַדֵּשׁ שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶער וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר תַּעֲנוּג בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וֶוען מִיר אִידְן פוּן אַזַא נִידְרִיגֶע וֶועלְט זָאלְן אִים דִינֶען, "וְזֶהוּ עִקַּר הַתַּעֲנוּגִים וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תַּעֲנוּג אוּן זִיסְקֵייט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר זָאלְן אִים דִינֶען; אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶונֶען (מוּסָף לְיוֹם כִּיפּוּר): "וְאָבִיתָ תְהִלָּה מִגּוּשֵׁי עָפָר מִקְּרוּצֵי חֹמֶר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוערְט גֶעלוֹיבְּט דוּרְךְ שְׁטִיקֶער בְּלָאטֶע וְכוּ', "כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יֵשׁ לוֹ שְׂרָפִים וְחַיּוֹת וְאוֹפַנִּים וְעוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים שֶׁהֵם עוֹבְדִים אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ בְּרֶענֶעדִיגֶע מַלְאָכִים, מַלְאָכִים וָואס הֵייסְן חַיּוֹת, מַלְאָכִים וָואס הֵייסְן וֶועגֶענֶער, אַזוֹיפִיל וֶועלְטְן וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאַף עַל פִּי כֵן עִקַּר הַתַּעֲנוּג וְהַשַּׁעֲשׁוּעַ שֶׁלּוֹ כְּשֶׁעוֹלָה לְמַעְלָה הָעֲבוֹדָה שֶׁל עוֹלָם הַשָּׁפָל הַזֶּה", דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶער הַנָאָה פוּן מִיר וָואס מִיר זֶענֶען דָא אִין דִי וֶועלְט.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט זַיין דִי שִׁיעוּר אִין אוּנְזֶער שׁוּל אִין מָאנְסִי, אִינְאֵיינֶעם

מִיט אַ סִיוּם אוֹיף מַסֶכֶת מַכּוֹת, און אוֹיךְ אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן הַצַדִיק רֶבִּי יְשַׁעְיָ' מִקֶערֶעסְטִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי חֶסֶד פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי יְשַׁעְיָה פוּן קֶערֶעסְטִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, ג' אִיָיר, י"ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יְשַׁעְיָה פוּן קֶערֶעסְטִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער צַדִיק אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ אִין דִי מִצְוָה פוּן חֶסֶד, הַכְנָסַת אוֹרְחִים; מִיר דַארְפְן זִיךְ לֶערְנֶען און גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דֶעם צַדִיק צוּ טוּן חֶסֶד. דִי עֶרְשְׁטֶע פְּלַאץ וואוּ אָנְצוּהוֹיבְן חֶסֶד - אִיז אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ און קִינְדֶער, מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שְׁטוּבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים מט:), דֶער וָואס נֶעמְט פַאר זַיין טָאכְטֶער אַן עַם הָאָרֶץ - אִיז אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט וֶוען גֶעגֶעבְּן זַיין טָאכְטֶער פַאר אַ פַארְצִיקֶנְדֶע לֵייבּ; וַוייל אָן יִרְאַת שָׁמַיִם, אָן תּוֹרָה - אִיז מֶען אַ פַארְצִיקֶנְדֶע חַיָה אִין שְׁטוּבּ.

אַז מֶען הֶערְט אַזוֹיפִיל מַעֲשִׂיוֹת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק וִוי עֶר הָאט אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן צוּ טוּן חֶסֶד - דַארְפְן מִיר זִיךְ לֶערְנֶען נָאכְצוּטוּן דֶעם צַדִיק, טוּן חֶסֶד. הַיינְט אִיז דִי מִצְוָה צוּ טוּן חֶסֶד אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ און קִינְדֶער, רֶעדְן שֵׁיין, רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, זִיךְ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער און אִיבֶּערְבֶּעטְן.

בִּפְרַט אַז דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, דוּ פַארְרוּפְסְט זִיךְ אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וֵוייסְטוּ אַוַדַאי אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת זֵייעֶר אַ וִוִיכְטִיגֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט פַארְטְרִיבְן פוּן זִיךְ אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיךְ מוֹהֲרַא"ש הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע

קִינְדֶער צוּ מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת, זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְנֶעמֶען צוּ רֶעדְן שֵׁיין אוּן זִיךְ פִירְן שֵׁיין, זִיךְ פִּירְן ווִי דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן פִירְן זִיךְ, וָואס רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְשַׁאפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מַייז פוּנֶעם קָאמְפְּיוּטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, ג׳ אִיָר, י״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים דִי טֶעלֶעפָאן, אוּן אֲפִילוּ בַּיי דִי אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע פִילְטֶער אוֹיף דַיינֶע כֵּלִים. הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי יְשַׁעְיָ׳ מְקֶערֶעסְטִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, ווִילְסְט אַוַדַאי בִּזְכוּת דֶעם צַדִיק זֶען אַ יְשׁוּעָה, אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען אַוֶועק וַוארְפְן דִי שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים, דִי וֶועלְט זָאגְט, אַז מֶען הֶענְגְט אַ בִּילְד פוּן דֶעם צַדִיק אַנְטְלוֹיפְן דִי מַייז; קֶען מֶען אוֹיךְ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מַייז פוּנֶעם קָאמְפְּיוּטֶער אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים, נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן, נִישְׁט קַיין טֶעבְּלֶעט, נִישְׁט קַיין קָאמְפְּיוּטֶער; דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין רֵיין, אַ מִקְדָשׁ מְעַט, אַ מָקוֹם צוּ מְגַדֵל זַיין דִי קִינְדֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שֵׁיין רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אוּנְז אַזוֹיפִיל אָנְגֶעזָאגְט אוּן אַזוֹיפִיל גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, רֶעדְן שֵׁיין (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רסד): ״כִּי אָמַר, הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם״, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, ווייל זֵיי גֵייעְן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג פוּן צַעַר גִּדּוּל בָּנִים, צַעַר לֵידָה וְכוּ׳. אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם, סִימָן רסג): ״סִפֵּר לִי אֶחָד שֶׁהָיָה מֵשִׂיחַ עִמּוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מֵעִנְיַן בְּנֵי הַנְּעוּרִים, שֶׁשָּׁכִיחַ מְאֹד שֶׁנַּעֲשֶׂה

קִלְקוּל בֵּינֵיהֶם וּבֵין נְשׁוֹתֵיהֶם, וְנִפְרָדִים זֶה מִזֶּה אֵיזֶה זְמַן, וְלִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מִזֶּה פֵּרוּד לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם", אֵיינֶער הָאט מִיר פַארְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַּאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, "אָמַר, שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתְפְּסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ כַּאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַּאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, ד' אִיָּר, י"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵייליךְ אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַיינְט דֶער וָואס אִיז בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, בִּפְרַט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵייליךְ, זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן.

אַמָאל וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "בִּיסְטוּ פְרֵייליךְ שַׁבָּת?" הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "צוּמָאל בִּין אִיךְ פְרוּם"; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נֵיין, שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵייליךְ".

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵייליךְ

שַׁבָּת, "כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבָּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", מֶען טָאר נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג שַׁבָּת אוּן נִישְׁט זַיין פַארְזָארְגְט שַׁבָּת, נָאר פְרֵיילִיךְ.

הַיינְט עֶנְדִיגְט מֶען מַסֶּכֶת מַכּוֹת אוּן מָארְגְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הוֹיבְּן מִיר אָן מַסֶּכֶת שְׁבוּעוֹת. הוֹיב אָן מַסֶּכֶת שְׁבוּעוֹת, כַאפּ זִיךְ מִיט מִיטְן בַּאן, מִיט אַלֶע וָואס לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס. גְמָרָא הִיט אָפּ פוּן שְׁלֶעכְטְס, גְמָרָא אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פִּיר מַלְאָכִים פוּן דִי מֶרְכָּבָה עֶלְיוֹנָה: מִיכָאֵל, גַּבְרִיאֵל, רְפָאֵל אוּן אוּרִיאֵל; אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא צִיט מֶען צוּ זִיךְ דִי פִּיר מַלְאָכִים, מֶען הָאט אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן אַמָאל אַ סְעוּדָה אִין יַבְנְאֵל בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן דָארְט אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ גַאסְט, אוּן בַּיי דִי סְעוּדָה שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ יֶענֶעם גַאסְט אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִים מִיט אַ גֶעבֶּעט, מִיט רַחְמָנוּת: "פַארְוָואס הָאסְטוּ אָפְּגֶעלָאזְט דִי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד? דֶערְמַאן זִיךְ דִי צַייטְן וָואס דוּ הָאסְט יָארְן צוּרִיק גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, וִוי זִיס עֶס אִיז דִיר דֶעמָאלְט גֶעוֶוען, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט צוּרִיק אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיפְן בַּאן, רַכֶּבֶת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ?"

אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דִי בְּלַאט גְמָרָא אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ, אַזַא וִויכְטִיגֶע זַאךְ, עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען בְּנַפְשׁוֹ אַז יֶעדֶער אִיד זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, הַיינְט אִיז דָא גְמָרוֹת מִיט שֵׁיינֶע נְקוּדוֹת, הֶערְלִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט, מֶען דַארְף נָאר מַחְלִיט זַיין אַז מֶען הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...